ד"ר מ. א. איזענשטאַדט.

נאָך דער גרויסער שׂרפה.

ערציילונג.

איבערגעזעצט פון בן-אברהם.

פּרייז 5 קאָפּ'.

24

ווילנא

בדפוס האלמנה והאחים ראָם

תרס"ב

ד"ר מ. א. אייזענשטאַדט.

נאך דער גרויסער שׂרפה.

ערציילונג.

אויסגאבע פון בן-אברהם.

ווילנא

בדפוס האלמנה והאחים ראָם

תרס"ב

НОХЪ ДИ ГРЕЙСЕ СРЕЙФЕ,
т. е. послѣ большаго пожара.
Эскизъ изъ провинціальной жизни.
Д-ра М. Г. Айзенштадта. Изданіе Бенъ-Абраама.

ВИЛЬНА. Типографія Вдовы и братьевъ Роммъ.
Уголъ Духовскаго и Глухаго пер. собств. домъ № 1315.
1901.

Дозволено цензурою 19 Ноября 1901 г. Вильна.

נאך דער גרויסער שריפה.

דאס איז געוועזען נאך דער גרויסער שריפה.

ביי אונז זענען דאָך געוועזען שריפות. עפעס א יאהר אָהן שריפה איז נאָך גאָר ניט געהערט געוואָרען, סבות צו שריפות זענען זעהר פיעל געוועזען: ערב פסח, למשל, ווען מען כשר'ט די אויבינס מוז דאָך ערגעץ זיך אָנחאפען אין א קוימען. בעת מען ברענט חמץ מוז דאָך ערגעץ ברענען דאָרט וואו ניט איז; די כריסטליכע הייזליך וועלכע שטעהען אן א זייט פון די יודישע הייזער זענען נאָך עד היום בעדעקט מיט שטרוי, איין פינק, איין שוועבעלע איז ישוין געננוג פאר אונז אלעמען. וואס זאָל איך אפולע דער ציילען: שריפות זענען ביי אונז געוועזען טאג און נאכט, שבת און יו"ט, חול המועד, מאָנטאג און דאָנערשטאג, פאר קדוש און נאָך הבדלה. ווער פון אונזערע שטעדטליך געדענקט ניט מעהר דעם שרעק וואס פלעגט אויף אונז אנפאַלען ביי דעם געשריי פ א ז א ר! עס ברענט! (אנדערע פלעגען אפילו שרייען עס נעצט! מיר אבער אלע, אפילו קליינע קינדער, האבען געוואוסט וואס דאס בעטייט) און דער הויפט נאָך ביי נאכט וואו מען פלעגט שפרינגען בלייך ווי די מתים פון די בעטען. און וואס האט זיך דאמאלס געטוהן אויף דער גאס, ווער קען דאס גאר בעשרייבען? ווער האט א פנים צייט געהאַט, אָדער וועמען איז דאָס געלעגען דאמאלס אין זינען קוקען וואס עס טהוט זיך?

די ערשטע זאך איז געוועזען האפען ראטעווען זיך, ווער עס האָט געהאט א קאסטען אויף רעדליך אין וועלכער

פסח

פסח ליגט מצה און א גאנץ יאהר שטייט זי אין שטאל אדער אויפ׳ין הויף, אויך טאָמער מאכט זיך א שרפה, ווער עס האָט געהאַט אזא קאסטען האט געהאַפּט האק און פאק, קינד און קייט און איז ענטלאָפֿען, און לויפֿענדיג האָט מען זעהר אפט געבראכן האַלז און נאַקאן, די קליינע קינדערלאך ארער די אלטע באבע אָדער דער אלטער זיידע וועלכע זענען געגאנגען פֿון הינטען און האָבען געשטויסען דיא קאסטען וועלכע דער טאטע מיט דעם עלטערען זון האבען געפֿיהרט פֿון פאָרענט איינגעשפאנט ווי די פֿערדליך – אַי ווען זיי זיינען געפֿאלען און אפגעשלאָגען זיך אן די שטיינער, אַי טאמער האט די מאמע, די בעלת הבית׳טע, וועלכע האט געטראָגען די פיצעליך קינדער זיך אויסגעגליצט און נעביך זייער שלעכט געפֿאלען, אויף אזעלכע זאכען קוקט מען ניט אין א שריפה!

אַי לויפֿענדיג איז מעהר ווי די העלפֿט זאכען וועלכע זענען געוועזען אנגעווארפֿען און אנגעשליידערט אין קאסטען צופֿאלען אין גאַס, אַי עס האט זיך געריסען, געבראכען, אויף אזעלכע זאכען קוקט מען ניט אין א שריפה!

אַ טשיקאווע זאך!

קיינעם איז גאָר ניט אין קאָפּ אריין, אַנשטאט חאפען ראטעווען זיך, פּראבירען לויפֿן לעשען דאס פייער וועלכעס ביי דעם אָנהויב פ א ז א ר איז טאקי זייער גרינג געוועזען צו לעשען, איין עמער וואסער וואָלט גענוג געוועזען. און וואס נאָך מעהר טשיקאווע איז, דאס גראד אויף יעדער שטוב איז גישטאנען אויסגעמאָלט אויף א ברעטעל, דאָ איין עמער, דאָרט א לייטער. דאָרט א האַק א. ד. ג. דאס הייסט, יעדער האט זיך מתחייב געוועזען בעת שריפה מוז ער לויפען צום פֿייער דער מיט איין עמער צו לעשען, דער מיט א לייטער צו קריכען אויפ׳ן דאַך. דער מיט א האק צו ברעכען, צו ראַטעווען. נאך מעהר, נעבען יעדער שטוב פֿלעגט א גאנצען זומער שטיין א הערינג כלי מיט א פאמעלע,

די כלי אין וועלכע ס'איז אויף דעם דעק נאך געבליבען
א היבשע ביסעל ליאָק מיט זאלץ פֿלעגט זיין שטענדיג
געפּילט מיט וואסער מיט פעט-אויגעליך פון אויבען. יונגליך
פֿלעגען זיך דאָרט פאליושקען, ווארפֿען שטיינדליך.
שטיקליך האלץ, פּראבירען מאכען טופּ טעפּליך, אָדער
באבקעס, אין היץ פֿלעגט שטארק שמעקען פֿון די כלי'ת,
אבער ווער פלעגט קוקען בייא אונז אויף אזעלכע זאכען,
וואס איז שייך? מען מוז דאָך האָבען כלים מיט וואסער.
אמאָהל אין גאָר גרויסע היצען ווען די יונגליך זענען פריי
געוועזען פון חדר, א פֿריי טאָג. שבעה עשר בתמוז פלעגען
זיי אזוי זיך בעשפּריצען מיט די פאמילעס די דעכער, כדי
זיי זאָלען ניט אזוי צוהיצט זיין, אבער זיי האבען דערפֿאר
גוט געקריגען פון די טאטע מאמעס גאָר ניט, מיר ניט דיר
ניט קלאר אונ געזונד אונ משוגע, גיין שפּריצען זיך מיט וואסער.

אונ אזוי זענען די כלים געשטאַנען מיט די פאָמילעס
ביז... ביז עס איז געוועזען א שריפֿה און זיי פֿלעגען אויך
אפּגעברענט אָדער צוא בראָכען ווערען. א טשיקאווע זאך;
נאך יעדער שרפה פֿלעגען זיך די נשרפֿים אונ דיא אנדערע
יודען אויפֿקלויבען און קריגען זיך דערפֿאר ווער עס האט
פֿריהער דאס פֿייער דערזעהן; איטליכער האט בעוויזען
מיט אותות ומופֿתים אז ע ר האט פֿריהער דער זעהן, יעדער
האט דערציילט פֿון אָנהויב, ביז צום סוף מיט אלע פּיצעליך
מיט אלע ברעקעליך וויא ער האט דאס פֿייער דערזעהן,
וויא אזוי איז ער גראד דארט געוועזען בשעת מעשה, בעת
עס האט זיך אנגעצונדען, יעדער האט געטענה'ט אז ער האט
פֿריער אנגעהויבען צו שרייען „פאזאַר". און קיינעם איז גאר
אייגעפֿאלען פֿרעגען: ס ט י י ט ש, אז דו האסט דער ערשטער
דערזעהן דאס פֿייער, וויא עס הייבט אן ברענען אונ וויא
דוא אליין זאגסט איז דער פֿייער געוועזען נור וויא „א גראשענע
ליכטעלע", פֿאר וואס האסט די ניט געפּרובירט דעם פֿייעריל
לעשען? און אזוי האבען מיר זיך כסדר געברענט.

עס

עס איז גאר ניט מיין קאפ אונ מיין זכרון אויפּצו=
צעהלען חאטש א הונדערט חלק פון די שריפות וועלכע זענען
בייא אונז געוועזען זייט איך געדענק, און באמת, ווער קען
דאס אזא נארישקייט געדענקען אזא שרפה'לע וואו עס זענען
אפגע'שרפה'ט געווארען פינף יודען, צוואַנציג יודען
אדער פ י נ פ צ י ג יודען איך געדענק נאר דיא ג ר ו י ס ע
ש ר י פ ו ת און גאנץ בעזונדער דרייא שריפות.

איינע א היבשע שריפה, עס זענען אפּגעברענט
געווארען אונזערע יודען פון יענעם זייט טייך. דארט
האבען געוואהנט א היבשע ביסעל יודען, נאר אזוי וויא עס
איז געוועזען א טייך צווישען אונז אונ זייא און דורך א בריק
פלעגט מען דארפען אהין איבערגעהען, זענען מיר עפעס
געוועזען פון ווייטען און זייא זענען טאקי אויך געוועזען
וויטליך פון אונז שטאדטיגע, אויף שטאדט אסיפות פלעגען
זייא כמעט נאר ניט קומען חאטש מען פלעגט זיי פריער
רופען, דער נאך האט מען טאקי זייא אויפּגעהערט צוא
רופען! זייא זענען פערנומען געוועזען עפעס מיט זייערע
בהמות און ציגען וועלכע זייא האבען געהאט. נו, זענען
זייא מיט איין מאהל אפגעברענט געווארען, דיא שריפה איז
געוועזען א גאנץ גרויסע; נאר אזו וויא זיא איז געוועזען
פון יענעם זייט טייך זענען אונזערע שטאדטיגע געוועזען
גאנץ רוהיג דערבייא. מען האט זיך אפילו ניט געפאקט.

וואס עס איז געבליעבען מיט דיא נשרפים ווייס איך
ניט, איך בין נאך דאמאלס געוועזען א קליינער יונגעל,
דאס אבער ווייס איך אז איך האב זייא מעהר קיינמאהל ניט
באגעגענט אין שטאדט, דאס ווייס איך אויך אז קיינער פון
זייא האט זיך ניט אפּגעבויט.

די שטאדט האט פון דער שרפה געטענה'ט, גערעדט,
אהין, אהער, ביז... מען האט דיא שרפה פערגעסען וויל
עס איז געווארען דיא אנדערע שריפה און טאקי נאך א פיעל
גרעסערע. דא איז כמעט דיא גאנצע יודישע שטאדט אפ=
געברענט

געברענט געווארען, עס איז נור געבליבען דער שולהויף; דיא בתי מדרשים, דיא הויכע שול און דיא צ ו ו י י גאסען וועלכע זענען ביים שולהויף. עס איז געוועזען א שרעק, א ליארם בשעת דאס פייער האט זיך צוגאסען וויא א מבול. מען האט געמיינט אז מיר אלע וועלין שוין יעצט אפגעברענט ווערען. נאר עס איז געוועזען מיט רחמים, ביים שולהויף איז דאס געבליבען, אין איין נאַכט זענען דיא רייכסטע בעלי־בתים בעטלער געווארען, אסך האבען זיך צעשלעפט אויף דער וועלט און זייערע פלעטצער זענען פשוט מיט גראז פערוואקסען, אסך האבען זיך איבער געקליבען צוא בעקאנטע, צו קרובים און ביסליכווייז האט מען זיך שוין אנגעהויבען אן דער שריפה צוא פערגעסען ב״ז... עס איז געוועזען דאס לעצטע שריפה, דער שרעקליכער העלישער פייער וואו אלץ איז אפגעברענט געווארען! דיא צ ו ו י י א גאסען, דיא הויכע שול, דיא שיינע אלטע בתי מדרשים זענען אלע אין דעם פייער פערברענט געוואָרען און עס איז פון אלעם קיין שריד ופליט ניט געבליבען. דאמאלס זענען מיר אויך אָפגעברענט געוואָרען.

וואס עס האט זיך דאמאלס געטהון קען איך אייך גאָר ניט דערציילען אין קען אייך גאר ניט אָפמאָלען, מען האט זיך געראטעוועט וויא מען האט נאר געקענט, די קאסטען אויף רעדליך זענען געפלויגען וויא דיא פיילען פון בויגען, דאס פייער איז אבער אזוי גרויס געוועזען אז אסך קאסטענס מיט זאבען וואס מען האט זייא ארויס געפיהרט ווייט ווייט פון פייער זענען אויך פערברענט געווארען. אזוי ווייט זאל דער פייער געהן האט גאר קיינער ניט גערעכענט, אזא פייער האב איך קיינמאל, דאכט זיך מיר, ניט געזעהן. עס האבען זיך אין דער שריפה געפינען עטליכע מענשען וואס האבען געשריען געוואלד ברידער! לאמיר פראבירען לעשען! אבער ווער האט אויף די משוגעים געקוקט, איצט אין אזא עת צרה האבען זייא געפינען א צייט זיך נאריש

מאכען

מאכען. דיא עטליכע מענשען זענען אפילו ארום געלאפען מיט העק, מיט לייטערס, מיט עמער וואסער, אבער וואס האבען זייא געקענט מאכען אנטקעגען אזא גרויסען פייער? וויא דיא פערצווייפעלטע זענען זייא געלאפען, געשפרונגען, בעת דיא הויכע שענע שול האט געברענט, זייא האבין זיך פשוט מוסר נפש געוועזען, געקראכען אין פייער, דיא ספרי תורות ראטעווען, און זייא האבען דיא ספרי תורות טאקע געראטעוועט.

אלץ, אלץ, וואס מיר האבען געהאט האט דאס פייער צוגענומען, מענשען זענען געהרג'ט געווארען, דיא ספרי תורות זענען אבער געבליבען.

א גאנצע נאכט האבען מיר זיך געוואלגערט אויפ'ן פרייען פעלד. אָ, דיא נאכט וועל איך אין מיין גאנצען לעבען ניט פערגעסען!

אויף מארגען זענען געקומען צו לויפען יודען פון נאהנטע שטעדט, ווער צו זיין קרוב ווער צו זיין בעקאנטען זעהן וואס מען מאכט. מען האט געבראכט אויפ'ן פעלד וועגען מיט ברויט, מיט חלה, און דער אפגעשרפה'טער עולם האט עס אין איין מינוט צוחאפט, אין איין רגע איז דערפון קיין זכר ניט געבליבען.

מיר אלע זענען געגאנגען בעוויינען דעם חרבן. עס איז געוועזען א שרעק צו זעהן, דאָ האט מען געפונען איין פארשאַרפה'טען מענש שווארץ וויא א קויל, דאָרט זענען געלעגען אש פון ספרים וועלכע דער ווינד האט צעשפרייט אין אלע עקען, דער רויך האט געגעסען דיא אויגען, פון אלע הייזער האבען נאָך געברענט דיא לעצטע בערווענעס; פון דער שול און דיא בתי=מדרשים האט נאָך געוואלעט אזא רויך אז מען האט צו זייא גאָר ניט געקענט אפילו פון וויטען צו גיין. קוימענס פון דיא אויבענס זענען געשטאנען וויא דיא הויכע מצבות און האבען איטליכען בעזונדער דערמאנט וואו ער איז בעגראָבען. עס האט זיך זעהר געוואָלט ארויף

אויפ'ן

אויפ׳ן פלאץ אויסוויינען אביסעל דאס הארץ, אבער עס איז א סכנה, דיא קוילען ברענען, דער רויך שטיקט.

מיט ביטערע הערצער זענען מיר צוריק געגאַנגען; דער עולם האט זיך אנגעהויבען מישב צו זיין, וואָס וועט איצטער זיין? מען מוז דאך האבען איין אָרט, איין ווינקעל וואו דעם קאָפּ אָנצושפארען, וואו דיא קינדער צו לייגען! פֿון דיא יודישע הייזער איז קיין איינציגע הייזעל ניט געבליבען, מען מוז גיין צוא דיא שכנים בעטען זיך איבער נעכטיגען אונ אפשר טאקי דאָרט צוא בלייבען ביז וואס ווען...

ביסליכווייז האט איטליכער געקריגען א דירה׳לע וואו מען האט אונז ארייגעלאָזען און וואו מיר האָבען זיך צולייגט אויף דער ערד אויסרוהען אונזערע ביינער.

ניט אומזיסט האבען מיר דיא דירות׳לאך בעקומען. למשל, תרפים, וואו מיר האָבען געוואהנט האָט אריין געלאזט 6 משפחות אין אין שטוב וועלכע האט געהאַט א זויער נידעריגען שטאל און יעדער האָט איהם געצאָלט גאַנץ גוט געלד, קיין איבעריגע ווינאָדע, פֿערשטייט איהר דאָך אַליין, האָבען מיר דאָרטען ניט געקענט האָבען. ערשטענס זענען מיר דאָך פֿרעמדע איינער מיט דעם אַנדערן. און פֿאר תרפימען אויך ניט זעהר אנגענעהם געווען וואס מיר האָבען זיך אויף איהם אָנגעווארפֿען חאָטש מיר האָבען איהם געצאָהלט גוטעס געלד, מיר האָבען איהם דאָך ענג געמאכט.

דאס געדענק איך אבער נאָך גאַנץ גוט, אז אין א פאָר טעג ארום האָבען מיר זיך אָנגעהויבען צו געוויינען צו אונזער לאַגע, האָט נאָך אפּילו געוויינט, געהליפעט געקרעכצעט, אבער דער געויין, דאָס חליפען, דאס קרעכצען זענען שוין ניט געווען דאס וואס פֿריהער, אַי דיא שוהל איז אָפּגעברענט געוואָרען, האט מען אָן געהויבען מאַכען מנינים אין דיא פֿרעמדע הייזלאך וואָ

מען

מע האָט געוואהנט, און שוין אין דעם ערשטען שבת האט מען זיך אביסעל צוקריעגט פֿאַר שלישי אָדער פֿאַר הגבה דאָס געדענק איך ניט מעהר. דער עולם פֿלעגט זיך קלויבען אויף אספות אין מיטי'ן גאַס מען פֿלעגט קומען אויף דיא אָפּגעברענטע פלעצער, מען פֿלעגט קלויבען צו שמאָלצענע קופער, צין, מעש, און ווער נאָך זילבער; מען האָט געזאַמעלט צוועקעס, שטיקלעך בלעך, אייזען, מען האָט געטענה'ט, דער ציילט וויא דיא שריפה איז געוואָרען, ווער עס האָט פֿריער דערזעהן, וויא דיא שול האָט געברענט, ווער עס איז אין דער שרפה פֿארברענט געוואָרען און ווער געהרג'ט. פֿיעל האָבען שוין איצט מסכים געווען אַז עס קען זיין אַז אפשר זענען טאקע דיא עטליכע משוגעים, וואס האָבען געשריען „לעשען" „לעשען" גאָר קיין „משוגעים" ניט געווען, אהין, אהער, אפֿשר איז צייט אָנהויבען צוא קלערען וועגען בויען זיך, חאָטש שאַלאַשען פֿון ברעטער אויפֿשטעלען דער ווילע. דיא ערשטע פאָר טעג נאָך דער שריפֿה איז אפילו ניט גוט שאַלאַשען צ״א שטעלען, ווייל ניט אַלע קוילען זענען אויסגעלאָשען געווען, אַוואו ניט וואו איז נאָך פֿאראַן פֿונקען צווישען דעם אַש, איז באמת סכנות נפֿשות, מען קען נאָך ווידער אָפּגעברענט ווערען, אַזוי וויא חיים יענקיל טאַקע וועלבער האט אויף קיין זאַך ניט געקוקט און גלייך אָנגעהויבען בויען א שאַלאַש און איז ווידער אָפּגעשרפה'ט געוואָרען. מאן מיז אבוואַרטען א פאָר גוטע ועגענס. אזוי איז בהסכם בייא דעם עולם געבליבען, און מען איז זיך צוגאנגען יעדער אין זיין ווינקעלע, יעדער אין זיין קאנורקע.

איז אַ פּנים א סברא אז אין אזא אייגענשאַפט זאָל אליין זיין בשלום ושלוה? אונז איז פֿאָרט זייער ענג געווען יעדערן בעזונדער, ניט ווילענדיג האָט מען זיך געמוזט שטיסען, רוקען איינער דעם צווייטען. האט עמיצער אויסגעגאָסען זיין טעלער וועטשערע, האָט זיך געמוזט

זיין

זיין שכן, אָדער דעם שכן'ס קינד אָבבריהען; א וואָרט פֿאר א וואָרט, אַ זידעל פֿאר א זידעל און טאַקע א קלאפּ פֿאַר א קלאפּ, איטליכען איז דאָך געוועזען ביטער אויפֿין האַרצען, עס איז געווארען אַ קריעג, א געשלעג. ווען עמיצער האט גיזעהן אז ער האַלט שמאָל פֿלעגט ער בעטען תרפֿים'ען ער זאָל זיין פֿון זיין צד. און תרפימס א פּאַטש, תרפֿימס א קלאפּ איז שוין געוועזען גאר אנדערש, פֿאר איהם האט מען דעם גרעסטען דרך ארץ געהאט, מען האט געוואוסט טאמער וועט מען חלילה עפּעס איהם אנריהרען איז טאַקע איינס און צוויי און ארויס פֿון זיין שטוב.

וויפֿיעל מאָל האט זיך געטראָפֿען, מען הערט מיט איין מאָל אַ געפּילדער, אַ ליאַרם אַ געשרייא: תרפים ווארפֿט ארויס זיינע שכֿנים. פֿאר וואס און פֿאר ווען ווייסט מען ניט. אַי מען צאָהלט אים דירה-געלד, נו געה און טענה. מן הסתם האט מען פֿאר איהם פֿערזינדיגט. דער סוף איז גיוועזען אַז ביסליך-ווייז נאָך דעם געשרייא און נאָך דעם וויפערייַ האבען זייא געקראגען איין אנדער הייזעל בייא פדלשין וואָ זייא האָבען שוין איצט טהייערער געמוזט צאָהלען, ווייל מען האט געוואוסט אז זייא זענען ארויסגעטריבענע.

גאָר אָפֿט האט זיך געמאַכט אז כדרלעמר'ס שכנים'לאך האָבען זיך געמוזט אַריבער קלויבען צוא ברשע'ן ווייל כדרלעמר האט זייא ארויס געטריבען און אין יענעם טאג האָבען זיך ברשע'ס שכנים'לאך איבער געקליבען צוא כדרלעמר'ן.

קורץ וואס איז פֿאראן דא אסך צוא דערציילען, דיא קאסטענס אויף רעדלאך זענען געפֿאָהרן טאָג אין נאַכֿט, צרות זענען געווען וויא האָלץ.

בייא אונז און בייא נאָך עטליכע משפחות איז געבליבען איין הסכם, מען זאָל זיך נעמען בויען, גאָט וועט מן הסתם העלפֿען, גענוג זיך שוין צוא וועלגערין אין שכֿנות, און אין ענגשאפֿט.

דער

דער עולם האט זיך געקליבען, מען האט גיהאלטען זיך עצות, מען האט גערעדעט, געטענה'ט, אהין, אהער, צום סוף איז געבליבען אז אין שכנות צו וואהנען איז געווים ניט גוט, נאָר דיא ערשטע שלעכטע צייט איז מען שוין איבער געקומען צוא דיא צרות האט מען ביסליך־וויז זיך צוא געוואהנט, דארף מען בעסער ווארטען ביז עס וועט אראָפּ קומען אַ פלאן פֿאר דיא נייע הייזער פֿון דער גובערנע. דער פֿלאן מוז קימען, אַי מען וויים ניט ווען וועט ער אראפּ קומען, מוז מען ווארטען.

מיין זיידע האָט אָבער פֿון דעם הסכם גאָר ניט גיוואלט הערען, מען דארף זיך בויען און איין סוף מיט דעם וועלגערין זיך. און אַ ערך פֿון אַ פֿופֿציג משפחות האָבען זיך אָנגעהויבען צוא בויען.

און וואָס זאָל איך אייך דערציילען! דאָס זיינען געוועו דיא בעסטע טעג אין מיין גאנצען לעבען. מיר, אלע קינדער וויא טאטע, מאמע, זיידע באַבע, זיינען גאָר עפּים נייע מענשען געווארען, עס האָט זיך אויף אונז אָנגעטהון אנייע הויט! עס האָבען זיך בייא אונז פֿון הימעל גענומען נייע כחות. וויא נור טאָג, פֿלעגען מיר ארויס אויפֿי'ן פלאַץ העלפֿען דיא ארבייטער. מיר האָבען געטראָגען ברעטער געשלעפּט זאַמד, ציגעל צו די אויבענס, ערד אויף אָנשיטען! געקליבען שפּענער, שטרוזקעס. עס איז בייא אונז גיוועזען ששון ושמחה. אין אָווענד אז מיר פֿלעגען קומען אָנגעהאָרעוועטע אין אונזער ווינקעלע צום בעל הבית, פֿלעגען מיר זים איינשלאפֿען, מיר פֿלעגען גאָר ניט זעהן וויא דיא נאכט איז אריבער, אזוי זים פֿלעגען מיר שלאָפֿען: אָן קרעכצען, אָן זיפֿצען און וויינען. וויא נור טאָג אלע ווידער אויפֿי'ן פלאַץ.

אונזער בעל הבית תרפים איז מיט אונז גאָר אנדערש געווארען. וויא ער האָט געזעהן אז מיר בויען זיך, האָט ער זיך אומגעביטען: גערעדט מיט אונז וויא מיט זיין

גלייכען

גלייכען. ער האָט געזעהן אז מיר ווילען זיך חלילה אויף איהם ניט אָנוואַרפֿען, ער האָט גיזעהן אז מיר ווייסען דעם טעם פֿון שכנות און ווייסען וואָס הייסט איין בעל הבית צוא זיין, ער האָט אונז ניט געזידעלט, געיאָגט, נאָך מעהר, ער האָט אונז אָנגעהויבען אוואַזשען. מאָרגענס, ווען ער פֿלעגט אַרויס פֿאָהרען מיט זיין וועגעל פֿלעגט ער אונז נעהמען אונטערפֿיהרען, ריידען, דערציילען מעשיות׳לעך און באמת איז ער גיוועזן אַ גאנץ גוטער מענש, האָט מיט אונז געשפילט געלאכט.

דאָס אַלץ איז אָבער געווען נור מיט אונז וועלכע עס האָבען זיך געבויעט. אנדערש אָבער האָט ער געקוקט אויף שכנים וועלכע ליגען אין זיינע ווינקעלאך אונ רעכענען זיך נאָך גאָר ניט בויען, און אונזער שטוב ווערט פֿון טאָג צוא טאָג העכֿער און העכֿער, אָט האלט מען בייא דיא פֿענסטער. אָט בייא דיא באלקאנעס, אָט שטעלט מען קראָקוועס, אָט לייגט מען לאַטעס, אָט הייבט מען אָן צוא דעקען דעם דאַך.

עס האָט געקאָכט אונטער אונזערע פֿינגער. צווישען דיא שטאָדט חרבות זיינען אויסגעוואַקסען בערך פֿופֿציג הייזער. פֿיעל פֿון יענעם זייט טייך אונ פֿיעל פֿון דער אנדערער שריפה וועלכֿע האָבען זיך צוא שלעפט אויף דער וועלט און מיר האָבין גאָר ניט געוואוסט וואו זייא זיינען אַהין גיקומען, אז זייא האָבען דער הערט אז מען הויבט זיך אָן צו בויען, זיינען זייא געקומען צו ריק אין שטעדטיל, אונ עס איז עפים פֿרעהליכער, לעבעדיגער גיווארען.

פֿיעל זיינען אפֿילו גיגאנגען, געקוקט און געשאָקעלט מיט דיא קעפ, האָבען געלאַכט, גימאכט חוזק: „צוא וואָס לאָהנט זיך אייער בויען ווען איהר האָט קיין פלאַן ניט פֿון גובערניע; עס וועט אראָפּ קומען אַ פאפיר פֿון דאָרט וועט מען דארפֿען צוא ווארפֿען דיא הייזער. אנדערע האָבען דאָס געמיינט באמת, אנדערע האָבען דאָס גערעדט נור פֿון

פֿערדרוס, פֿון כעס! עס האָט זייא פֿערדראסען פֿאר וואָס זיינען זייא ניט געוועזן דיא ערשטע וואס האָבען זיך אָנגע-הויבען צוא בויען.

אַי זאָלען זייא זיך איצטער נעהמען בויען? נאָר ערשטענס איז ניט שיין, פֿריהער אזוי געשריהען און דער נאָך אזוי, און אחוץ דעם וועלען זיי דאָך ניט זיין די ערשטע. זייא טענה'ן...

אונ מיר בויען זיך, אונ די באבע טענה'ט: נישקשה, אין גובערנע איז מען חלילה קיין גזלנים ניט, דאָרטין זייען מענשען מיט הערצער, מיט פיצעלעך קינדער, זייא ווייסען אז מיר טהון חלילה קיינעם קיין שלעכטס ניט; מיר ווילען זיך נור בויען אויף אונזער פלאץ, מיר ווילען חלילה וחס קיינעמס ניט פֿארנעמען ניט אָנרירען. אדרבה, ווען אונזערע הייזער שטעהען צאָלען מיר אלע יאָהר פּאָדאַטקעס אונ מיר וועלען קיינעם ניט איינג מאַכען.

ניין, שרייען דיא אנדערע, מען דארף ווארטען ביז עס וועט אַראָפּ אַ פלאַן פֿון גובערניע.

און מיר בויען.

מיר בויען און האָפֿען פֿריהער אויף גאָט און דער נאָך אויף דיא גובערניע אז דאָרטען זיינען מענשען מיט הערצער, מיט פיצעלעך קינדער.

עס איז נאָך ניט אלץ פֿערטיג געוועזן, בעת מיר האָבען זיך אריין געקליבען אין אונזערע הייזער. מיר האָבען נור פֿאַרטיג געמאכט איין חדר; דיא איבעריגע דער ווילע פֿערשלאָגען דיא פֿענסטער מיט ברעטער, דער דאַך איז נאָך אויך ניט אין גאנצען גיקאָנצעט. ערב פסח האָבען מיר זיך אריין גיקליבען אין אונזער שטוב.

מיט הייסע טרערען האָבען מיר די פאָדלאָגע בעדעקט. די וועגט נאס גימאכט מיט אונזערע ליפען. אַ קוק גיגעבען אויף'ן סטאָל און געדאנקט גאָט פֿאר אונזערע אייגענע פיער ווענד.

אינזער

אונזער חדר איז אונז געוועזען דער בעסטער פּאַלאַץ אין דער וועלט, דיא הגדה האָט זיך געזאָגט מיט פרייליכע הערצער, מיר האָבען געוויינט פאר שמחה, געלאכט פאר נחת.

אָ, דער פסח שטעהט נאָך וויא היינט פאר מיר; איך וועל איהם קיין מאָל ניט פערגעסין. דאָס איז געוועזען דער שענסטער פייערטאַג אין אונזער גאנצען לעבען!

אונזער געוועזענער בעל הבית תרפים איז געקומען צוא אונז מיט זיינע קליינע קינדערלעך צום סדר צו גאסט, און האָבען איין טהייל גענומען אין אונזער שמחה: געגעסען מצה, געטרונקען אונזער וויין, און פאר דעם אַוועק גיין האבען זייא אונז אויך געבעטען קומען צו זייא. און תרפים האָט געזאגט: „נו, איז ניט בעסער איין אייגענע דירה צו האָבען"?

דיא ערשטע טעג האבין מיר פון שמחה גאָר ניט געוואוסט וואס צוא טהון; מיר זייען טעג־ווייז געשטאנען און געקוקט פון ווייטען אויף אונזערע הייזער, געערדט פון דיא הייזער, געטראכט פון דיא הייזער נעחלום'ט פון די הייזער.

עס האָבען זיך געפונען אזוינע גוטע ברידער וועלכע האָבען זיך מטריח געוועזען אָן שרייבען אין גובערניע אזוינע מיני פאפירען מיט פיעל ליגען אז די האָר פון קאָפּ קענען זיך פשוט קאפויר שטעלען. זייא האָבען געשריבען אז מיר ווילען חלילה פערהאפען פרעמדע פלעצער אז מיר בויען זיך ניט וויא עס דארף צו זיין א. ז. וו. וואָס זאָל איך דאָ לאנג מאריך זיין, עס האָט ניט לאנג גידויערט איז אראָפּ פון גובערניע איין גרויסער חשוב'ער שר און האָט אלץ גוט בעקוקט. אלץ האָט ער אליין געטהון, בייא עטליכע נאָך געפרעגט אליין אין די נייע הייזער גיוועזן און אום־אונד אים וואָהין ער פלעגט אריינקומען פלעגט ער זיך זעצען און שרייבען און שרייבען. וואס האט ער אליין דאָרטען אין דיא פאפירען גישריבען האבען מיר ניט גיוואוסט. און אזו איז ער אָפּ גיפאָרין.

מיר האָבען נעכט ניט גישלאפען, קינד און אַלט האָבין

קייז

קיין אויג ניט צוגימאכט, מיר האָבין אלץ געוואַרט וואָס וועט דאָ ווערין אפילו מען האָט גיזעהן אז דער שר איז איין איש אמת איין גוטער מענש וואָס הערט אויס וואָס מען רעדט צו איהם, אפילו די באבע האָט אלץ ווי פריהר געטענה'ט אז אין גובערניע איז מען חלילה וחס קיין גזלנים ניט, מענשען מיט הערצער און מיט פיצעלעך קינדער, פון דעסט וועגין האָבין מיר פחד געהאט, ווער ווייס וואָס מען האָט נאָך אָנגעשריבען?

זעהט איהר, האָבען גיטענה'ט די פהדנים, די שאָקעל־קעפ, מיר האָבין דאָך גיזאָגט אז מען מוז וואַרטין אויפין פלאַן, אזוי ווי די האַרץ האָט אונז גיזאגט אז עס וועלען זיך געפינען גוטע ברידער וועלכע וועלען אונז אַ פיסעל אונטער שטעלען.

און די באַבע טענה'ט: אין גובערניע איז מען קיין גזלנים ניט; דאָרט זייען אויך מענשין מיט הערצער מיט פיצלעך קינדער.

דאָס איז דאכט זיך געווען דינסטאג; און טאָמער איז דאָס גיווען איין אנדערער טאָג איז ער אויך גיווען אַ גוטער, איז אַראָפּ אַ פאפיער פון גובערניע.

מיט איינמאָל איז גיגאנגען דער „קלוצוויט" און האָט גיהייסען דעם דעסאַטניק פויקען. עס איז גיוואָרען איין איינגעלויף פון טאטעס, מאמעס, זיידעס באבעס, יונגלעך מיידלעך מען איז געלאָפין הערען, וואָס איז דאָ פאר אַ נייעס?

דער „קלוצוויט" האט זיך גישטעלט אויף איין איבערגע־קערקע כלי און האָט גילייענט: „עס איז גיקומען אַ פאפיר פון גובערנע. די הייזער וועלכע זייען שוין אויס גיבויט זאָלין שטיין די אנדערע וועלכע האבין זיך אָבער נאָך ניט אָפגיבויט זאָלין וואַרטין אויפין פלאן וועלכער עס דארף זייא אַראָפּ קומען".

און באַ אונז איז געווען ששון ושמחה!

ווי די שכורע זייען מיר גילאָפין אנזאָגין אין דער היים די בשורה. יענע וועלכע האָבין זיי ניט גיהערט פון קלוצוויט; מיט פרייד האָבען מיר זיך גענומען ענדיגען דיא פענסטער, בייא אונז איז שוין אלץ פערטיג, און יענע שאָקעל־קעפ שטייען און וואַרטען אויפין פלאַן.

בית מסחר ספרים חדש

„יְשֻׁרוּן״.

לכל יודעי ומכירי בכל אתר ואתר הנני לבשר כי בע״ה השגתי רשיון הממשלה לפתח פה ווילנא בית מסחר ספרים עברים.

בבית מסחרי „יְשֻׁרוּן״ ימצאו למכירה:

א) ספרי תורה, מחקר, חכמה ומדע.

ב) ספרי הלכה, דרוש, פוסקים ושו״ת, יקרי הערך והמציאות.

ג) ספרי השכלה, ספורים ושירים, חדשים גם ישנים.

ד) ספרי למוד ושמוש שפת עבר גם בהעתקה לשפות אחרות.

ה) כל ספרי המלים, אוצרי שפת קדש.

ו) כל ספרי הוצאות „תושיה״ „ואחיאסף״; ואוכל לקבל עלי להספיק ספרים ומכ״ע לביבליותיקות ולאגדות ציוניות בנכיון רבט גדול.

ז) ספורים בשפה המדברת מטובי הסופרים.

ח) הנני לקבל עלי להדפיס ספרים בכל בתי הדפוס בפה ולפקח בעת ההדפסה ע״פ תנאים נאותים להמחברים.

....

הדרישות תמלאנה בהקדם האפשרי ובזריזות ואשתדל למלאות רצון הקונים גם בהוזלת המחיר כפי האפשרי.

ספרים אשלח לכל דורש גם בנאכנאהמע בקבלי דמי
קדימה 10 פ"צ כפי הדרישה.

ברגשי כבוד ובברכת ציון

אפרים ראובן מאשעוויצקי.

למו"ס ולאגדות ציוניות ספרים בזול:

„קונטרס מצות ישיבת א"י" 18 באגען 4° מהר"ר
יונה דוב בלומבערג 30 קאפ. בלא פארטא.
„הדת והלאומית" מהרה"ג רש"י ראבינאוויץ
הרב בסאפאצקין 30 קאפ. בלא פארטא.

הוצאות בן-אביגדור

א) ספרי אגורה: ספורים, תמונות, ציורים ושירים מאת מ"א אייזענשטאדט.
אבן ספיר. בן־אביגדור. ר. בריינין. ע. גולדין. ש"ל
גרדון. י. ג־א. י. ויטאל. ד"י זילבערבוש. זפר"ן.
י"ח טביוב. א"ד ליפשיץ. נ. סאמועלי. י. ל. פרץ. א. י.
פאפירנא. ד. פרישמאן. ע. נ. פרענק. — הספורים
כלם אריגינלים.

קבוצה ראשונה כ"ה חוברות 1. 25
" שניה כ' חוברות 1. 07
עם פארטא.

ב) הזמן. מאסף ספרותי מאמרים, שירים, ספורים ובקרת ספרים מסופרים
שונים יכיל 20 באגען גדולים. מחירו 1 רו"כ עם פארטא.

ג) על מפתן ימי הבינים. ספור יפה הוצאה שניה. מאת א. רובקין
העתקת א. סג"ל. מחירו 30 קאפ.

להשיגם ע"י

Эфраимъ Мосѣвицкій. Вильна.
Спротская ул. д. бывшій Шура.